

# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**אחרי קדושים**

## • לימוד מפרשתנו

**דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אלהם קדשים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלקיכם**

**דבר אל כל עדת בני ישראל** - מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל מפני שרוב גופי תורה תלוין בה (רש"י)

עס האט איינער אמאל באמערקט פארנ׳דיג מיט די קאר א רחמנות׳דיגן איד שטיין אין א קאלטן פראסטיגן וועטער, אן קיין הוט און מאנטל אויף די גאס ווארטענדיג אויף א ׳היטש׳. דער איד שטעלט זיך אפ, עפנט די פענסטער און פרעגט אים וואו ער וויל גיין, און ער טראגט אים צו. אינמיטן וועג פרעגט ער אים, ר׳ איד זאגט מיר פארוואס זענט איר געשטאנען אין אזא קאלטן וועטער אן א מאנטל, ענטפערט יענער: ערנסט גערעדט, ווען איך וואלט געווען אנגעטוהן געהעריג, וואלסטו דיך דען אפגעשטעלט פאר מיר ?...

מיר האלטן יעצט אינמיטן ספירת העומר. אין ספירת העומר שטייט "תמימות" תהיינה. וואס מיינט תמימות ?

צו קענען ווערן הייליגע מענטשן איז סיי דורך זיך צוריק האלטן פון שלעכט – סור מרע, און אויך מיט טוהן גוטס - קום ועשה, מיט טוהן אסאך ׳פאזיטיוו׳ זאכן פון יושר און הילף פאר אנדערע. און דערפאר איז פרשת קדושים - וועלכע ווערט געליינט גלייך נאך די איסורים פון סוף פרשת אחרי – אנגעפילט מיט מצוות וואס אסאך פון זיי זענען בין אדם לחבירו ווי מורא אב ואם, צדקה פאר ארימעלייט, נישט גנבענען און שווערן פאלש, באצאלן אן ארבייטער ביי די צייט, נישט רעדן רכילות, אהבת ישראל, נישט אנהאלטן נקמה, מכבד זיין עלטערע מענטשן, משפט׳ן יושר׳דיג וכו׳.

פרשת קדושים הייבט זיך אן מיט מורא פון טאטע מאמע, היטן שבת, און נישט דינען עבודה זרה. דאס איז דאך ממש ׳בעיסיק׳ מצוות, וויאזוי ווערט מען "הייליג" דורך נישט דינען עבודה זרה ? פארוואס שטייט נישט עפעס הימל׳דיגע זאכן ?...

**די תורה האט דא געוואלט ארויסברענגען א וויכטיגע אנזאג: א מענטש וועלכער וויל זיין הייליג און נאנט צום באשעפער, דארף ערשט מקיים זיין די "פשוטע" מצוות, זיין מענטשליך און האבן כבוד הבריות וכדומה.**

דער רמב"ם אין זיין הקדמה לספר המצוות (שורש ד') ערקלערט אז די מצוה "קדושים תהיו" ווערט נישט גערעכנט פאר א עקסטערע מצוה ווי למשל שבת אדער תפילין: ווייל די תורה וויל זאגן: 'איר וועט זיין הייליג ווען איר וועט טוהן דאס וואס איך האב אייך געהייסן מיט אלע מצוות.

א מענטש ווערט הייליג דורך דעם וואס מ'האלט אלע מצוות - עשה און לא תעשה, אפילו די "באקאנטע" וואס יעדער קען... מ'דארף נישט צו לויפן און זוכן רוחניות'דיגע 'עקספּירינסעס' ערגעץ אנדערש. ווער עס זוכט צו כאפן מלאכים און זיין אפגעזונדערט פון מענטשן וועט נישט קענען געהעריג מכבד זיין די עלטערן.

די תורה האט נישט באנקראטירט, עס איז דא א '**רעסעפּי**' צו ווערן הייליג: טוהן אלעס געהעריג מיט א תמימות אזוויווי דער הייליגער חתם סופר זאגט: שנשמור חוקיך **בעולם הזה**, נישט זיין אפגעזונדערט פון מענטשן, נאר פארקערט זיך רעכענען און זיך באנעמען מענטשליך מיט די מענטשן ארום און ארום. דער מאור ושמש זאגט פרשה זו "בהקהל" נאמרה, צו ווערן קדוש איז נישט דורך זיך אפזונדערן פון אנדערע, נאר דורך זיין צוזאמען מיט אנדערע. אודאי דארף ביידע אדער דער עיקר 'טעסט' איז בין אדם לחבירו, דארט קען מען זעהן ווי דער מענטש האלט באמת.

די עבודה פון ספירת העומר - כדי לטהרינו ולקדשינו - קומט מען צו מיט "תמימות". מ'דארף זיך נישט ארויסווייזן און זיין אנדערש כדי יענער זאל מיך אריינעמען אין די קאר... תמימות מיינט אז איך טוה וואס מ'דארף און צוביסלעך קומט מען אן. מ'מוז נישט שפירן גלייך מלאך'דיג... רש"י זאגט אויף די פסוק תמימות: מלמד שמתחיל ומונה מבערב שאם לא כן אינן תמימות - מ'דארף אנהייבן צו ציילן פון ביינאכט כדי עס זאל זיין תמימות. וואס מיינט דאס ציילן פון "ביינאכט" ?

ביינאכט מיינט ווען ס'איז טונקל און מ'זעהט נישט אלעס קלאר. און אנפאנג וועט א מענטש זאגן וואס טוה איך שוין דא, "פשוטע" מצוות, איך פיל נישט און זעה נישט גארנישט. אבער דאס איז די מצוה: הייב אן פון ביינאכט, הייב אן ווען דו זעהסט נאכנישט די גאנצע 'פּיקטשער' און גיי בתמימות וועסטו אנקומען צו קבלת התורה.

## • מעשה

**חסד ואמת יקדמו פניך**

פארציילט הה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א: הגה"צ רבי משה אהרן שטערן זצ"ל, דער משגיח פון דער קאמעניצער ישיבה האט דערציילט, אז ער איז אמאל ארויסגעפארן קיין שווייץ צו שאפן געלט פאר די קאמעניצער ישיבה. איין טאג האט ער געוואלט דאווענען שחרית אין איינע פון די בתי מדרשים וואו ער האט געוואלט רעדן מיט די מתפללים וועגןביישטייערן געלט פאר די ישיבה.

א נאכט פריער האט רבי משה אהרן אבער געהערט אז אין יענע ביהמ"ד איז מען נישט אזוי שטארק מקפיד אויפ'ן 'זמן תפילה', האט ער באשלאסן נישט צו דאווענען דארט טראץ דעם מעגליכן געלט שאדן וואס ער האט געקענט האבן דערפון. שפעטער האט ער באגעגנט זיינעם א באקאנטן, אויך א 'משולח', וועלכער האט איהם געזאגט אז ער האט שאדן געהאט פון דעם וואס ער איז נישט געקומען דאווענען שחרית אין דער דערמאנטער שול ווייל עס הא טאקע דארט געדאווענט א גרויסער עושר, און יעדער משולח האט באקומען פון איהם 100 'פראנק'.

פארנאכטס איז רבי משה אהרן געגאנגען דאווענען מנחה-מעריב אין יענעם בית המדרש, און אט האט ער געזען דעם דערמאנטן עושר וואס האט דארט געטיילט געלט אינדערפרי ביי שחרית. איז ער צוגעגאנגען און איהם דערציילט אז ער גייט נאך געלט פאר די קאמעניצער ישיבה, און וויבאלד ער איז נישט דא געווען אינדערפרי, בעט ער פון איהם יעצט א נדבה. האט דער עושר איהם געגעבן א נדבה פון 100 פראנק - דעם זעלבן סכום וואס ער האט אינדערפרי געטיילט פאר יעדן משולח.

נאך מנחה, איז רבי משה אהרן פארבליבן אין ביהמ"ד ווארטנדיג אויפ'ן 'צאת הכוכבים' כדי צו דאווענען מעריב. אינצווישן איז דער עושר צוגעגאנגען צום גבאי פון דער שול, און אנגעוויזן אויף רבי משה אהרן זאגנדיג צום גבאי: עס דערקענט זיך אויף דעם איד אז ער איז אן אדם חשוב און איך וויל וויסן ווער איז דער איד.

האט דער גבאי איהם דערציילט וועגן רבי משה אהרן אז ער איז דער משגיח פון דער קאמעניצער ישיבה אין ארץ ישראל און אז ער איז גאר א חשוב'ער איד. איז דער עושר צוגעקומען צו רבי משה אהרן און איהם דערלאנגט נאך דריי הונדערט פראנק. אזוי האט רבי משה אהרן באקומען פון איהם א סך-הכל פון פיר הונדערט פראנק...

נאך דעם ווי מ'האט געענדיגט דאווענען מעריב קומט צו דער עושר נאך אמאל צו רבי משה אהרן, און ער דערציילט איהם אז ער איז געקומען קיין שווייץ פון אמעריקע אויף א קורצע צייט, און

ער האט מיטגענומען אסאך געלט צו טיילן צדקה. וויבאלד עס זענען אבער למעשה נישט צוגעקומען צו איהם אסאך נצרכים, איז ביי איהם געבליבן א היבש ביסל געלט וואס ער האט שוין מקדיש געווען פאר צדקה, און וויבאלד ער דערקענט אויף איהם אז ער איז א 'געהויבענער איד', שענקט ער איהם דאס איבעריגע געלט וואס איז איהם געבליבן צו טיילן... און ער האט בשעת מעשה ארויסגענומען פון טאש 1000 פראנק און עס דערלאנגט פאר רבי משה אהרן.

רבי משה אהרן פלעגט אלע יארן זאגן, אז פון דעם קען מען זעהן די דרכי השם 'המכין מצעדי גבר'. אויב איך וואלט געקומען צו שחרית אינדערפרי, וואלט איך באקומען פון דעם עושר נישט מער ווי 100 פראנק, אזיווי ער האט געטיילט פאר די אנדערע משולחים. ער וואלט מיך נישט אין אכט גענומען, ווייל עס זענען דאך געווען דארט נאך משולחים. האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז איך זאל אנקומען ערשט צו מנחה, און נאר איך האב פון איהם געבעטן א נדבה, און ממילא האט ער מיך אויפגעפאסט און זיך נאכגעפרעגט וועגן מיר און אזוי האב איך באקומען פון איהם א פיל גרעסערן סכום געלט.

לייגט צו הה"צ ר' אלימלך: דא זעהט מען נאך א זאך, אז א איד טאר קיינמאל נישט טוהן אן אומאויסגעהאלטענע 'השתדלות', ווייל דייקא דערפאר ווייל רבי משה אהרן האט מקפיד געווען צו דאווענען פאר'ן זמן תפילה, האט ער פארדינט 1400 פראנק - 14 מאל מער ווי ער וואלט פארדינט אויב ער וואלט געמאכט א השתדלות וואס מ'טאר נישט טוהן, און ער וואלט אהינגעקומען צו שחרית.

## א גוט שבת